

אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### סימן אויב מען איז פאסיג פאר די ארבעט

**וְכָל הַנָּשִׁים אֲשֶׁר נָשָׂא לִבָּן אֹתָנָה בְּחָכְמָה טָווּ אֶת הָעִזִּים** (לה, כו). מען קען ערקלערן פשט אין די ווערטער 'נשא לבן', וואס מיינט אז זייער הארץ האט זיי געפירט מיט חכמה?

**דער** פשט איז, ווען עס איז געקומען צו שפינען די וואל נאך זייענדיג אויף די ציגן, איז דאס געווען א באזונדערע גרויסע חכמה, אזוי ווי רש"י ברענגט אויפן ארט (ד"ה טוו) 'היא היתה אומנות יתירה, שמעל גבי העזים טווין אותן'. וואס נישט יעדער האט דאס געקענט טון.

**ווען** עס קומט צו א מייסטער-ארבעט, קען מען זיך נישט סתם אויסלערנען דאס צו טון, אפילו אויב עמיצער וואלט פראבירט זייער שטארק זיך צו אויסלערנען די פאך וואלט עס נישט געגאנגען, עס איז נאר געווען פאר די וואס האט געהאט א ספעציעלע חוש דערצו, זיי קענען זיך לערנען ווי אזוי דאס טון.

**די** וועג ווי אזוי מען קען וויסן אויב מען קען דאס טון, דאס איז דורכדעם וואס מען האט א געפיל דערצו, און די הארץ ציט צו דעם, איז א סימן אז ווען מען וועט זיך לערנען די פאך וועט מען מצליח זיין.

**דאס** זאגט די פסוק **וְכָל הַנָּשִׁים אֲשֶׁר נָשָׂא לִבָּן אֹתָנָה בְּחָכְמָה** די פרויען וואס זייער הארץ און געפיל האט געצויגן דערצו, נאר זיי האבן זיך געקענט ארויסלערנען די ספעציעלע פאך און מייסטער ארבעט צו קענען שפינען די וואל בשעת וואס עס איז נאך געווען אויף די ציגן. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ד')

### טעם פארוואס מען האט ארויסגענומען די אות יו"ד פון 'והנשאם'

**וְהַנְּשִׂאִם הֵבִיאוּ אֵת אַבְנֵי הַשֹּׁהַם וְאֵת אַבְנֵי הַמִּלֻּאִים לָאֵפוֹד וְלַחֹשֶׁן** (לה, כז). רש"י ערקלערט (ד"ה והנשאם) פארוואס שטייט 'והנשאם' אן די אות יו"ד, וויבאלד ווען משה רבינו האט געזאגט כלל ישראל צו ברענגן נדבות המשכן, האבן די נשיאים געזאגט זיי וועלן צו-ווארטן ביז כלל ישראל וועט ענדיגן ברענגן, און זיי וועלן צולייגן וואס עס פעלט.

**למעשה** האט כלל ישראל אלעס געברענגט, און עס איז נישט געבליבן פאר די נשיאים וואס צו ברענגן פארן משכן, האט דער אויבערשטער געברענגט מיט די וואלקענעס 'אבני שהם' און 'אבני מילואים' כדי די נשיאים זאלן דאס קענען ברענגן. אבער וויבאלד זיי האבן זיך מתעצל געווען און נישט גלייך געברענגט, דעריבער פעלט די אות 'יו"ד' אין זייער נאמען.

**מען** קען ערקלערן פארוואס האבן זיי באקומען פונקט דאס אז מען האט ארויסגענומען די אות יו"ד, און פארוואס איז דאס 'מדה כנגד מדה' אויף דעם וואס זיי האבן זיך מתעצל געווען.

**לויט** ווי עס שטייט פון אריז"ל (ספר הליקוטים ישעיהו סימן ל"ב ד"ה והיה) ווען א מענטש געבט צדקה איז ער דערמיט מרמז די שם 'הוי"ה' ווי פאלגנד: די האנט וואס מען שטרעקט אויס צו געבן איז מרמז אויף אות **ו'**, די פינגער'ס פונעם האנט איז מרמז אויפן **ה'**, די פרוטה וואס מען געבט איז מרמז אויף אות **יו"ד** (די פרוטה איז א צורה פון א יו"ד - מפרשים), און די פינגער'ס פונעם מקבל איז מרמז אויף אות **ה'**. און וויבאלד די נשיאים האבן פוגם געווען אין זייער נדבה פון צדקה וואס איז מרמז אויף אות יו"ד, דעריבער האט מען ארויסגענומען די אות יו"ד פון זייער נאמען. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ה')

### חשיבות פון די נתינות פון כלל ישראל

**וְהַנְּשִׂאִם הֵבִיאוּ אֵת אַבְנֵי הַשֹּׁהַם וְאֵת אַבְנֵי הַמִּלֻּאִים לָאֵפוֹד וְלַחֹשֶׁן** (לה, כז). מען קען ערקלערן נאך א סיבה פארוואס האבן די נשיאים פונקט דאס באקומען אז מען האט ארויסגענומען די אות יו"ד פון זייער נאמען.

**לויט** ווי עס שטייט אין חז"ל (מנחות כט.) דער אויבערשטער האט באשאפן די 'עולם הזה' מיט די אות 'ה"א', און 'עולם הבא' מיט די אות 'יו"ד'. (דער אויבערשטער האט צוטיילט זיין נאמען י"ה אין צוויי, און מיט יעדע אות האט ער באשאפן א אנדערע וועלט - רש"י).

**כלל** ישראל האט געברענגט זייער אייגענע געלט פאר די משכן וואס דאס איז מרמז אויף 'עולם הזה'. דאקעגן די נשיאים האבן געברענגט די אבני שוהם און אבני המילואים וואס איז געקומען בדרך נס, וואס דאס איז מרמז אויף 'עולם הבא'.

**און** כדי מען זאל נישט זאגן אז דאס וואס די נשיאים האבן געברענגט איז גרעסער פון דאס וואס כלל ישראל האט געברענגט, דעריבער האט די תורה ארויסגענומען די אות 'יו"ד' פון די נשיאים, וואס דאס איז מרמז אויף עולם הבא (אזוי ווי אויבן דערמאנט), צו ווייזן אז דאס וואס זיי האבן געברענגט פון 'עולם הבא' איז נישט אזוי חשוב פון דאס וואס כלל ישראל האט געברענגט פון זייער אייגן געלט פון 'עולם הזה'. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ה')



לומדים
זרע שמשון
על מגילת אסתר



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!

02-80-80-500
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה ולהצלחה | להצלחה גדולה | ישועה וברכה | להצלחה בעסקיו | להצלחה בעסקיו | להצלחה בעסקיו | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|---|---|---|
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל,ישעיה,יואל אלעזר שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | יוסף בן לאה רחל להצלחה גדולה בכל מעשי ידיו עושר ואושר בלי שום עיכובים | שאול בן רחל להצלחה גדולה בישועה שזקוק ולהתבשר בשורות טובות | דניאל אורי בן רג'ינה מלכה שיזכה לשפע ברכה והצלחה בכל העניינים ולהשלמת העסקאות השבוע | רפאל דוד בן נעמי הודיה לה' על הישועה ובקשה על העתיד להצלחה גדולה בפרנסה בלי דאגה | יונתן שמואל בן רבקה דינה שיזכה להשלים את העסקה בהצלחה גדולה וברווח נכבד | שמואל בן לוי אטיאס ז"ל היה רודף צדקה וחסד נלב"ע כ"ג אדר א' ת.נ.צ.ב.ה. הוקדש ע"י נכדו דניאל ספיר |

# פרשת שקלים



## דער אויבערשטער ווייזט א 'מטבע של אש' • פון אונטער דאס כסא הכבוד • דער אויבערשטער פארצייעט אויפן חטא העגל • פייער וואס פארברענט פייער

***זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ עֶשְׂרִים גֵּרָה הַשֶּׁקֶל מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל תְּרוּמָה לַה'*** (ל, ג): עס שטייט אין ירושלמי (שקלים פרק א' הלכה ד'): ***אמר רבי מאיר, כמין מטבע של אש הוציא הקב"ה מתחת כסא כבודו, והראהו למשה ואמר לו זה יתנו כזה יתנו.***

דער אויבערשטער האט ארויסגענומען פאר משה רבינו א מטבע פון פייער פון אונטער דאס כסא הכבוד, און געוויזן ווי אזוי די מחצית השקל דארף אויסזען.

**דארף** מען פארשטיין, פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט ווייזן א מטבע פון 'פייער'? און פארוואס האט דער אויבערשטער געוויזן די מטבע של אש דוקא פון 'אונטער' דאס כסא הכבוד?

**קען** מען ענטפערן, דער ארט אונטערן כסא הכבוד איז א ספעציעלע ארט וואס איז געאייניגט פאר בעלי תשובה. אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (אליהו זוטא פרק כ"ב), אויפן פסוק (יחזקאל א, ח), ***וִידֵי אָדָם מִתַּחַת כַּנְפֵיהֶם***, דאס גייט ארויף אויף בעלי תשובה, וואס זייער ארט איז באשטימט אונטערן כסא הכבוד.

**דער** אויבערשטער האט געוואלט ווייזן מיט'ן 'מחצית השקל', אז דאס וועט זיין א פארצייאונג פאר כלל ישראל אויפן חטא העגל. דערפאר האט דער אויבערשטער געוויזן א מטבע של 'אש' וואס איז מרמז אויף מדת הגבורה, אז די מחצית השקל וועט זיך מתגבר זיין אויפן מדת הדין און אויף די מקטרגים, און די תשובה וועט אנקומען ביז אונטער די כסא הכבוד (וואס דארט איז די ארט פאר בעלי תשובה) און דער מדת הדין וועט נישט קענען אפהאלטן די תשובה פון אנגענומען ווערן.

♦ ♦ ♦

**נאך א תירוץ** קען מען ענטפערן, עס שטייט אין חז"ל, די לוחות זענען געקומען פון אונטער די כסא הכבוד. אויך שטייט אין חז"ל אז די נשמות פון כלל ישראל קומען פון אונטער די כסא הכבוד. און אויב די נשמה איז זוכה נישט צו פוגם זיין אויף די וועלט, קערט זי זיך צוריק אונטערן כסא הכבוד, און אויף דעם שטייט אין פסוק (תהלים יט, ח), ***תּוֹרַת יְיָ תְּמִימָה 'מְשִׁיבַת נָפֶשׁ'***.

**אבער** אויב חס ושלום ווען די נשמה קומט אראפ אויף די וועלט ווערט זי פארשמירט מיט עבירות, איז דער תיקון צו רייניגן די נשמה, דורכדעם וואס מען איז מקריב קרבנות פארן באשעפער, וואס דאס פייער פונעם מזבח טוט פארברענען דער פייער פון דער יצר הרע וואס מאכט א מענטש זאל זינדיגן.

**דעריבער** ווערט דער פייער פון קרבנות אנגערופן אין חז"ל (יומא כב:), ***'אש אוכלת אש'***. פייער וואס פארברענט פייער. דאס הייסט, דאס פייער פונעם מזבח פארברענט דער פייער פון דער יצר הרע.

**מיט** דעם פארשטייט מען, פארוואס דער אויבערשטער האט געוויזן די 'מטבע של אש' דוקא פון אונטער דאס כסא הכבוד.

**וויבאלד** מערסטנס געלט וואס כלל ישראל האט געגעבן פאר מחצית השקל איז גענוצט געווארן פאר קרבנות. מיט דעם האט דער אויבערשטער געוואלט צייגן פאר כלל ישראל, אז די כפרה פארן 'חטא העגל' וועט זיין דורכ'ן געבן 'מחצית השקל', וואס מיט מחצית השקל וועט מען מקריב זיין קרבנות אויפן מזבח, און דער אש המזבח וועט פארברענען דער פייער פונעם יצר הרע, אזוי ארום וועלן די נשמות פון כלל ישראל זיך צוריק קערן צו זייער שורש, צו אונטער די כסא הכבוד. (פרשת כי תשא אות א')


חודש אדר

א צייט פון ישועות

אויב ווילט איר מען זאל מתפלל זיין פאר אייך, פאר סיי וואספארא ישועה איר נויטיגט זיך, נאכן גרויסע שיעור ברבים אינעם הייליגן ספר זרע שמשון

וואס קומט פאר יעדן ליל שישי ברוב עם צוזאמען מיט אמירת תהילים אין ירושלים תובב"א

קענט איר זיך פארבינדן

347-496-5657

אדער 05271-66450

דער הייליגער צדיק וועט אייך נישט שולדיג בלייבן


## מען דארף ברענגען דוקא א האלבע שקל • די עבירה איז געווען בלויז האלב • עבודה זרה בשיתוף

***זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ עֶשְׂרִים גֵּרָה הַשֶּׁקֶל מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל תְּרוּמָה לַה'*** **(שמות ל, יג)**: פארוואס האט דער אויבערשטער באפוילן צו ברענגען דוקא א האַלבע שקל און נישט קיין גאַנצע?

**מען** קען דאס ערקלערן, וויבאלד די מחצית השקל איז געקומען צו פארצייען אויפן חטא העגל. און דאס 'מחצית השקל' קומט מרמז זיין אז די זינד וואס כלל ישראל האבן געזינדיגט איז נישט געווען קיין גאנצע, ווייל אין אָנפאַנג ווען כלל ישראל האט געזען אז משה רבינו טוט זיך פאַרזוימען אויפן באַרג האבן זיי געמיינט אז משה רבינו איז נפטר געווארן, דעריבער ווערט די עבירה פאררעכענט אלץ א שוגג.

**אבער** שפעטער ווען זיי האבן געמאכט די עגל, און זיך געפריידט מיט דעם און געטאנצן ארום די עגל, ווערט דאס פאררעכנט ווי א מזיד.

**דעריבער** האט דער אויבערשטער באפוילן מען זאל ברענגען נאר א מחצית השקל - א האלבע שקל, צו פארצייען אויפן חטא העגל, וויבאלד זייער זינד איז אויך נאר געווען האלב. (פרשת כי תשא אות א')


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבר: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204



צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

זרע שמשון ע"ר 580624120